בס"ד

# מאמר התחזקות:

## א רייכע אוצר פון הלכה און חיזוק אויף שמירת עינים



געשריבן לויטן תוכן הספר
**שמירת עינים כהלכה**
וואס וועט בס"ד
ארויסגעגעבן ווערן דורך
**הוצאות טהור עינים**

שנה ד' גליון נ"ו | קרח - חקת תש"פ

### וְדַבֵּק לִבֵּנוּ בְּמִצְוֹתֶיךָ:

# דער יסוד פון עבודת ה'

ג'

## שמירת עינים - דער ערשטער טריט זיך צו דערהייבן און שפירן א נאנטקייט צום באשעפער

*און די פריערדיגע מאמרים (גליון נ"ד-נ"ה) האבן מיר געברענגט פון די ספרים הק' ווי שמירת עינים איז די התחלה פאר א איד צו קענען דינען דעם רבש"ע, ווי דאס האלט ריין זיין הארץ און מח זיי זאלן קענען זיין באהאפטן צו תורה און מצוות. אצינד וועלן מיר זען וואס די ספה"ק שרייבן ווי א איד וואס לעבט מיט שמירת עינים גיבט דאס אים א קלארקייט אין עבודת ה', ער זאל וויסן ווי אזוי צו דינען דעם באשעפער אן קיין ספיקות, און קענען ריכטיג זיך באניצן מיט זיינע "עיני השכל" צו משיג זיין רוחניות'דיגע השגות.*

### הֶחָכָם עֵינָיו בְּרֹאשׁוֹ:

## צוויי סארטן אויגן

די ספה"ק געבן צו פארשטיין[א] אז יעדער איד פארמאגט צוויי סארטן אויגן. איינס זענען די **עיני בשר**, די פליישיגע אויגן מיט וואס א מענטש זעט אלעס אויף דער וועלט, און בנוסף צו דעם פארמאגט ער אויך **עיני השכל**, אויגן וואס דער מח פארמאגט צו באטראכטן און פארשטיין זאכן מיט א ריכטיגן פארשטאנד. מיט די פשוט'ע, פליישיגע אויגן זעט דער מענטש נאר די חיצוניות פון יעדער זאך, אבער מיט די עיני השכל זעט ער די פנימיות פון אלע זאכן, מיט א שכל'דיגן בליק.

דאס קען מען באמערקן אפילו אינעם טאג טעגליכן לעבן. מ'קען אפטמאל זען ווי צוויי מענטשן באטראכטן די זעלבע זאך, אבער זיי קוקן דאס אָן מיט א גענצליך אנדערן בליק, צב"ש איינער זעט דערין גוטס און דער צווייטער זעט דערין שלעכטס; איינער קוקט דאס אן מיט א תורה'דיגן השקפה און דער צווייטער נישט. כאטש וואס ביידע זעען בפועל די זעלבע זאך, איז אבער דער "בליק" אויף דעם נישט דער זעלבער. דאס איז ווייל די חיצוניות'דיגע אויגן האבן זיי טאקע די זעלבע, אבער די פנימיות'דיגע אויגן, די עיני השכל, זענען אנדערש.[ב]

ווען ס'קומט צו עבודת ה', זענען די עיני השכל גאר וויכטיג פאר'ן מענטש ער זאל קענען שטייגן און אלץ האבן דעם ריכטיגן בליק ווי אזוי צו דינען דעם רבש"ע. סיי ביים לערנען און דאווענען, צו האבן די ריכטיגע הבנה און כוונה, און סיי צו שטייגן אין אלע חלקים פון תיקון המדות און עבודת ה', צו וויסן אלעמאל אן קיין ספיקות וואס דער רצון ה' איז און ווי אזוי זיך צו שטארקן אויף אלע שוועריקייטן און נסיונות החיים וואס קומען אונטער.

### וֶלְאֹם מִלְאֹם יֶאֱמָץ:

## ניצן די גשמיות'דיגע אויגן שוואכט אפ די עיני השכל

שרייבן די ספה"ק, אז די צוויי סארטן ראיות ביים מענטש זענען צוויי קעגנגעזעצטע כוחות. אויב ניצט מען די גשמיות'דיגע אויגן צופיל, בפרט אויב קוקט מען מיט זיי ראיות אסורות ח"ו, נעמט דאס

### זכות הוצאות הגליון

נתנדב ע"י
מוה"ר **נתנאל חיים טורנהיים** הי"ו
לרגל נשואי בתו למז"ט
עב"ג החתן המפולג בתו"ש כמר **ברוך בענדיט** נ"י
בן מוה"ר **יואל פייערווערקער** הי"ו
השי"ת יעזור שזכות זיכוי הרבים יעמוד לו ולזרעו שיתברכו בכל מילי דמיטב, ויזכו לבנות בית נאמן בישראל מתוך נחת והרחבת הדעת, אמן.

## למען תספר:

# די ליכטיגע "עיני השכל" פון צדיקי אמת

## ווי אזוי האבן די בהמות געקענט ארויפגיין די טרעפ?

הרה"ק רבי בן-ציון מבאבוב זצ"ל, דער קדושת ציון, ברענגט וואס ער האט געהערט פון זיין טאטן, הרה"ק רבי שלמה הראשון מבאבוב זצ"ל, אז אינעם לעצטן יאר איידער'ן הסתלקות פונעם הייליגן **צאנזער רב זי"ע**, האט ער זיך אמאל אנגערופן צו זיינע ארומיגע אז זיין זע-קראפט איז אים שטארק אפגעשוואכט געווארן, אויף אזוי ווייט אז ער דערקענט מער נישט קיין מענטשן. בלויז אין א ספר קען ער נאך אריינקוקן.

ווען ער האט געזען אז זיי וואונדערן זיך דערויף, וויאזוי אין א ספר קען ער זען און מענטשן נישט, האט דער צאנזער רב פארציילט, אז ווען דער הייליגער **אוהב ישראל מאפטא זי"ע** האט געוואוינט אין מעזיבוזש בסוף ימיו, איז זיין הויז געווען אויפ'ן אויבערשטן שטאק, און מ'האט געדארפט ארויפגיין טרעפ אנצוקומען אהין. אמאל זענען געקומען צו אים צוויי פראסטע מענטשן וועלכע האבן געוואוינט דארט אין שטאט, און ווען זיי זענען ארויס, האט זיך אפטער רב געוואנדן מיט וואונדער צו זיין משמש, פרעגנדיג: "ווי אזוי איז מעגליך אז בהמות זענען ארויפגעגאנגען אלע טרעפ אנצוקומען אהער?"

יענער האט נישט פארשטאנען וואס דער אפטער רב פרעגט אים, זאגנדיג, "דער רבי קען נישט די צוויי מענטשן? דאס זענען דאך יענער און יענער וועלכע וואוינען דא אין שטאט!" האט אים דער אפטער רב געענטפערט, "איך האב זיי נישט דערקענט, זיי האבן מיר אויסגעקוקט ווי בהמות!"

המשך אויף זייט 2

## למען תספר:

המשך פון זייט 1

האט דער צאנזער רב אויסגעפירט: "דער הייליגער אפטער רב האט זיך אזוי געהייליגט, ביז ער איז געקומען צו א מדריגה אין קדושה אז זיינע אויגן האבן בלויז געזען דברים שבקדושה. דעריבער, ווען ס'זענען געקומען צו אים מענטשן וואס זענען נישט געווען אזוי ערליך, האט ער נישט געזען אויף זיי דעם צלם אלקים, בלויז זייער נפש הבהמית, און דעריבער האט ער געמיינט אויף זיי אז זיי זענען בהמות..."

מיט די מעשה האט דער הייליגער צאנזער רב זיי געוואלט ערקלערן, אז צדיקים קומען צי אזא גרויסע מדריגה מיט זייערע אויגן, אז זיי זעען נישט קיין שום דבר גשמי, נאר רוחניות קענען זיי זען.

**קדושת ציון** פרשת ויחי

# אויפגעמישט דעם סידור אין דער טונקל

דער ביאלער רבי **הרה"ק רבי יחיאל יהושע זצ"ל** איז אויף די עלטערע יארן נישט געזונט געווען, און אין לעצטע זעקס יאר פון זיין לעבן איז זיין ראיה שטארק אפגעשוואכט געווארן. מיט'ן רעכטן אויג האט ער בכלל נישט געקענט זען, און אויך מיט'ן לינקען האט ער געזען שוואך.

פארציילט אן אייניקל, אז ער איז אמאל געווען ביי זיין זיידן שבת פארטאגס, ס'איז נאך געווען שטאק פינסטער, און זיין זיידע האט אים געבעטן ער זאל אים ברענגען דעם סידור צו זאגן ברכות התורה און קריאת שמע. אין צימער איז געווען טונקל, מ'האט גארנישט געקענט זען, בלויז איין ליכט האט נאך געצאנקעט אינעם ווינקל פון צימער. היות ער האט נישט געקענט זען וואו אויפצומישן, איז ער געגאנגען אין יענעם ווינקל וואו דאס ליכטל האט געברענט, און אזוי האט ער געטראפן דעם פלאץ.

האבנדיג אויפגעמישט, האט ער געפרעגט פונעם זיידן צי ער וויל קומען זאגן ברכות התורה צום שיין פונעם ליכט, אבער דער ביאלער רבי האט געענטפערט אז ס'פעלט נישט אויס. ער האט געזאגט ברכות התורה אויף זיין ארט, דערנאך האט ער געבלעטערט אביסל און געזאגט די אני מאמינ'ס, דערנאך האט ער ווייטער געבלעטערט אינעם סידור און געליינט קריאת שמע.

המשך אויף זייט 5

אוועק פונעם רוחניות'דיגן זע קראפט, ס'ווערט אפגעשוואכט דער שכל פונעם מענטש און מ'האט נישט דעם קלארן דעת אין עבודת ה'. ווידער אויב היט מען זיך די אויגן, הייבט אן לייכטן דער כח השכלי פונעם מענטש, און ער באקומט א ריכטיגע השגה אין עבודת ה'.

אזוי שרייבט דער הייליגער **חתם סופר** בשם זיין רבי'ן דער הייליגער **הפלאה זי"ע** (דרשות חתם סופר דרוש לז' אדר עמ' שז):[ג]

**יעדער מענטש האט צוויי סארטן אויגן, 'עיני שכל' מיט וואס ער איז משיג זאכן און 'עיני גשמיות'. און ווען א מענטש באשליסט צו עפענען זיינע גשמיות'דיגע אויגן, ווערן אים דורכדעם פארשטאפט די קוועלער פון חכמה, ווייל מיט'ן עפענען די אויגן מאכן זיך צו די אנדערע סארט אויגן.**

אזוי שרייבט ער אויך אויף א צווייטן פלאץ (פ' בהעלותך ד"ה אל מול פני המנורה) מיט א מורא'דיג לשון: "**כל מה שיחשיך אדם העיני גשמיות, הוא מוסיף ראיה בעיני רוחניות, ועיני הגשמיות המה המבדילים הדביקות בין אדם להקדוש ברוך הוא**" - לויט וויפיל א מענטש פארטונקלט זיינע גשמיות'דיגע אויגן, אזויפיל איז ער מוסיף צו קענען זען מיט זיינע רוחניות'דיגע אויגן, און די גשמיות'דיגע אויגן טיילן אפ די דביקות צווישן א איד און דעם הייליגן באשעפער.

די ווערטער פונעם הייליגן **הפלאה זצ"ל** זענען מקויים געווארן ביים אים זעלבסט. ווי ס'ווערט דערציילט אין **שו"ת לחם שלמה** (יו"ד בהקדמה עמוד ד'), אז ווען דער הפלאה איז געקומען אויף די עלטערע יארן, האט ער אויפגעהערט צו זען געהעריג ל"ע, און ער האט געזאגט אז פון ווען זיינע גשמיות'דיגע אויגן האבן אנגעהויבן שוואכער ווערן, זענען זיינע רוחניות'דיגע אויגן געווארן שטערקער.

דער **כלי יקר** (פ' בלק כד, ד)[ד] שמועסט שטארק אויס דעם יסוד: מיר זעען אז אין יעדן מענטש איז דא א "ראיה לבבית", א ראיה וואס דאס הארץ זעט, און "סתם ראיית העינים", די געוועגליכע ראיה פונעם אויג. **אט די צוויי ראיות זענען א סתירה איינס מיט'ן צווייטן; ווען איינס ווערט שטארק, ווערט די אנדערע שוואך**. ווי מ'קען דאס זען בחוש ביי א בלינדן מענטש, וועמענ'ס אויגן ארבעטן נישט, וועט ער האבן א שטערקערע שכליות'דיגע ראיה ווי א געוועגליכער מענטש, וויבאלד זיין גשמיות'דיגע ראיה שטערט אים נישט פון קענען זען מיט'ן הארץ. און צוליב דעם געפינען מיר אז חז"ל רופן אן א בלינדן א "סגי נהור" - איינער וואס זעט גוט. ווייל באמת זעט ער בעסער, נישט מיט זיינע חיצוניות'דיגע אויגן, נאר מיט זיינע פנימיות'דיגע אויגן. און דערפאר איז דער מנהג צו פארמאכן די אויגן ביי "שמע ישראל", כדי צו שטארקן דורכדעם די כוונה פונעם הארץ, עכתו"ד.

### גַּל עֵינַי וְאַבִּיטָה:

# די השגה פון א איד - געוואנדן לויט וויפיל מ'היט די אויגן

די השגה פון א איד, וויפיל ער קען משיג זיין אין רוחניות, איז ממש געוואויגן לויט וויפיל שמירת עינים ער האט. ווי מער ער היט זיינע אויגן, אלץ מער באקומט ער די כלים צו קענען האבן דעם ריכטיגן דעת אין עבודת ה', צו פארשטיין יעדע זאך אויפ'ן ריכטיגן וועג.

אין **זוהר הקדוש** שטייט (וארא כג, ב) "**סְתוֹם עֵינֶיךָ וְחֲזוֹר גַּלְגַּלְךָ, וְיִתְחַוְורִין לָךְ נְהוֹרִין דִסְתִּימִין**" - פארמאך דיינע אויגן, דריי אוועק דיין גלגל העין, וועלן שיינען פאר דיר באהאלטענע אורות.

דער הייליגער **שפת אמת** (ויקהל תרנ"ד)[ה] איז מבאר די כוונה פונעם זוהר הקדוש, אז אויב א מענטש פארמאכט זיינע אויגן פון קוקן אויף דברים גשמיים, הייבט זיין שכל אן צו לייכטן און זען רוחניות'דיגע השגות. ווי ער דרוקט זיך אויס: "**כששומרין העין שלא להסתכל בגשמיות, אז רואין בעין השכל המאיר**" - ווען מ'היט דעם אויג נישט צו קוקן אויף גשמיות, דעמאלטס זעט מען מיט די עיני השכל, "**וכפי שמירת העינים וההסתכלות מהגשמיות, כך יכולין להסתכל ברוחניות**" - און לויט וויפיל שמירת עינים א איד האט, אלץ מער קען ער קוקן אין רוחניות.

### מקורות והוספות

**א]** ראה בתפארת שלמה (תורה, לקוטים): "ב' סוגי עינים נבראו בעולם, אחד עיני בשר, ואחד עיני השכל, ובעת השתמשות בעיני השכל לא ישיג כלל עניני עולם הזה, כי יראה ולא ירגיש ענין עולם הזה כלל, ואמנם בנפול האדם אז ישמש בעיני הגשמי, וזה היהי באדם הראשון, קודם החטא היהי משתמש בעיני השכל ולא ראה כלל אם הוא ערום, אולם לאחר החטא התחיל להסתכל בעיני בשר וראה כי הם ערומים". **ב]** ע"פ שיעור נפלא על שמירת עינים מאת הרה"ג ר' שאול סירוטה שליט"א. **ג]** דרשות חתם סופר לז' אדר: "יש לאדם שני מיני עינים, עיני שכל שבו ישיג כל מושג, ועיני הגשמיות. והרוצה לפתוח עיני גשמיותו, נסתמו ממנו מעיני חכמה, בפתוח אלו יסתמו אלו". וז"ל בתורת משה (בראשית עה"פ ותפקחנה עיני שניהם): "אמר מורי ההפלאה זצ"ל, כי עיני הבשר של אדם הם המחשיכין את האדם להשיג אור העליון, וביותר שאדם סוגר עיני הבשר, יותר מאיר עיני רוחני של אדם להשיג סודות עליונים. וזהו 'כחשיכה כאורה' (תהלים קלט, יב), שכל מה שיש חושך בעיני הבשר של אדם, תוסיף אורה על ידי עיני רוחני שלו". **ד]** כלי יקר: "כל סומא נקרא בלשון חז"ל 'סגי נהור', לפי שהראיה הלבבית וסתם ראיית עינים מכחישין זה את זה, ובהתחזק אחד מהם יחלש השני. על כן הראיה השכלית הפנימית גדולה אצל הסומים, כי לא יטרידם הראות הגשמי. וכן יש נוהגין להעצים עיניהם בעת קראם 'שמע ישראל' וגו', כדי לחזק הכוונה הלבבית ויהיו עיניו למטה במדריגה ולבו למעלה במדריגה, על כן קרא בלעם את עצמו אחר שנסמית עינו 'אשר מחזה שד-י יחזה' (במדבר כד, ד) ואמר 'נופל', לפי שהוא סומא משתום עיניו שגורם לו ליפול, הוא גלוי עינים השכליים".

און ער ברענגט צו צו דעם די ווערטער פון חכמינו ז"ל (ויק"ר כג, יג), "**כל מי שרואה דבר ערוה ואינו זן עיניו ממנה, זוכה ורואה פני השכינה**" - איינער וואס ס'קומט אים אונטער א דבר ערוה און ער שטארקט זיך און ער קוקט נישט, וועט ער זוכה זיין לעתיד לבוא צו זען די פני השכינה. ווייל דורכ'ן זיך צוריקהאלטן פון קוקן אויף נידריגע דברים גשמיים, ווערט געשטארקט די רחניות'דיגע ראיה, און מיט דער ראיה וועט ער זוכה זיין צו זען די פני השכינה לעתיד לבוא.

דער שפת אמת לייגט צו דערויף א שיינע רמז: אינעם מענטשליכן אויג איז פאראן א ווייסער חלק און א שווארצער חלק. די ראיה קומט אבער נישט פונעם ווייסן רינג, נאר פונעם שווארצן חלק, דער שווארץ-אפל. דאס קומט מרמז זיין אז די אמת'ע ראיה קומט דווקא דורך טונקלקייט, דורכ'ן נישט קוקן. ווייל דייקא ווען א איד היט זיינע אויגן, ער פארטונקלט די גשמיות'דיגע ראיה, ברענגט אים דאס צו קענען זען און משיג זיין רוחניות'דיגע מושגים.

צדיקים האבן זיך אויסגעדרוקט: "אויף דער וועלט זעט מען מיט אפענע אויגן, אבער אויף יענער וועלט זעט מען נאר מיט צוגעמאכטע אויגן!" (עבודת פנים פ"ג אות י').

**מרן הגה"ק מסאטמאר זצ"ל** שרייבט (הגדה מהר"י ט"ב, ד"ה ובמורא גדול זו גילוי שכינה),[ו] אז ווען דער רבש"ע שיקט אראפ א השפעה פון התגלות אלוקית אויף דער וועלט, קומט דאס אייניג אויף גאנץ כלל ישראל. דער חילוק איז נאר וויפיל מען איז דאס משיג מיט די עיני השכל, וואס זיי זענען די כלים מקבל צו זיין דאס התגלות. מ'דארף האבן לויטערע אויגן וואס זענען ריין פון יעדע עבירה כדי צו זען און משיג זיין דאס התגלות וואס דער אויבערשטער שיקט.

און ער פירט אויס בלשונו הק': "**אלעס ווענדט זיך ווי ריין די אויגן זענען. ווער ס'האט ריינע, לויטערע אויגן, קען מען זען דעם אמת און דאס התגלות אלקית אפילו ווען ס'איז דא א הסתר בתוך הסתר.**"

אין ספר **עבודת פנים** (פ"ג אות יד-טז) שרייבט ער: "איינער וואס היט זיינע אויגן בקדושה, איז זוכה משיג צו זיין דעם דרך אין עבודת השי"ת לויט זיין שורש נשמה."[ז]

### יְעַוֵּר עֵינֵי חֲכָמִים:

## די פענסטער זאלן זיין זויבער אויפ'ן וועג

פון די אלע ווערטער פון די ספה"ק זעען מיר, אז שמירת עינים איז דער שליסל צו קענען דינען דעם באשעפער. און דאס איז נישט נאר ביים לערנען און דאווענען, נאר אויך אינעם פשוט'ן לעבן פון א איד, אין זיין טאג טעגליכן סדר היום, זאל ער זיך קענען פירן ריכטיג ווי א איד דארף זיך צו פירן. ער זאל האבן דעם קאפ אויפ'ן פלאץ זיך צו פירן ביי יעדער זאך לויט'ן רצון ה'.

מ'קען דאס בעסער פארשטיין מיט א משל:[ח]

א געוויסער דרייווער האט געפירט זיין קאר ארויף און אראפ איבער שיפע בערג. דארט אין די הויכקייטן זענען די וועגן געווען שמאל און געדרייט, קיין צוימען צו די זייטן זענען נישט געווען, און אזוי איז ער געפארן צווישן הימל און ערד, פרובירנדיג מיט אלע כוחות זיך צו האלטן אויפ'ן גלייכן וועג און נישט אריינפאלן אינעם תהום.

מיטאמאל איז די קאר אריינגעפארן אין א מאראסט, אנשפריצנדיג דערביי דעם פאדערשטן פענסטער מיט כל ערליי שמוץ און בלאטע, און דער פענסטער איז געווארן אינגאנצן איבערגעדעקט מיט דעם. ס'איז זייער אומאנגענעם צו זען פאר די אויגן אזעלכע מיאוס'ע פארשמירטע זאכן, אבער דער דרייווער האט באשלאסן אז ס'גייט אים נישט אן, העכסטנס וועט אים נישט זיין אזוי געשמאק די רייזע. ער פארט ווייטער...

יעדער בר דעת פארשטייט אז אויסער דעם מיאוס'ן פענסטער איז דא דא א פיל ערגערע פראבלעם. ער קען דאך נישט זען וואו ער פארט! אז ער שטעלט נישט אפ די קאר אין דער סעקונדע, וועט ער בלי ספק אראפפארן פונעם וועג און טראסקענען צום טיפן אפגרונד רח"ל!

אט דאס איז וואס פאסירט מיט א מענטש וואס היט זיך נישט די אויגן.

א איד האט א תכלית החיים אויף דער וועלט, ער דארף דורכגיין די וועלט און אנקומען צו דער אנדערער זייט בשלום. אבער די וועגן זענען געדרייט און שיף, איין שלעכטן דריי קען אראפווארפן דעם מענטש הונדערטער פיס, און מ'דארף אכטונג געבן מיט אלע כוחות צו האבן די ריכטיגע התגברות אויף אלע נסיונות החיים און בלייבן אויפ'ן ריכטיגן וועג.

אבער צו דעם דארף מען האבן א זויבערן פאדערשטן פענסטער. אויב די אויגן, די פענסטער פונעם מענטש, זענען פארשמירט מיט מיאוס'ע זאכן, זיי זענען פארשטעלט מיט ראיות אסורות, קען ער נישט זען דעם וועג וואו ער גייט, ער ווייסט נישט ווי אזוי צו דינען דעם רבש"ע. און בפרט פארלירט ער

### מקורות והוספות

**ה]** שפת אמת: "בעולם הזה כל הארה בכח מה ששורפין ומבערין הפסולת, כמו הנר שמאיר רק כפי מה שיש לו לשרוף ולכלות. וזה הרמז שאין העין רואה מתוך הלבן אלא מן השחור, לומר כי עיקר הראיה כששומרין העין שלא להסתכל בגשמיות, אז רואין בעין השכל המאיר... וכן איתא בזוהר הקדוש פרשת וארא (ח"ב כג:), 'סתום עיניך וחזור גלגלך ויתחוורין לך נהורין דסתימין'". ובד"ה שלפני זה כתב: "כפי שמירת העינים וההסתכלות מהגשמיות, כך יכולין להסתכל ברוחניות... ואיתא במדרש רבה (ויק"ר כג, יג), הרואה דבר ערוה ואינו זן עיניו ממנה, זוכה להקביל פני שכינה, שנאמר (ישעיה לג, טו-יז) 'ועוצם עיניו מראות ברע וגו' מלך ביפיו תחזינה' וגו'". **ו]** הגדה מהר"י ט"ב: "עצם השפעת ההתגלות יבוא לכל ישראל בשוה, אבל צריך לזה עינים טהורים וזכים מליכלוך חטא ופניה כדי שיזכו לראותה ולהשיגה, והשוחד יעוור עיני חכמים ולא יוכל לראות אור. ואין לך משוחד יותר ממי שמשוחד לתאוותיו ורצונותיו, דכיון שיש לו רצון כוסף ומתאוה אל הדבר ההוא, נעשה משוחד לרצונו, ולא יראה האמת אם הוא מנוגד לרצונו. וכמו שכתב בספה"ק מסילת ישרים דרך משל, ההולך באפילה וכן עוור נדמה לו על העץ שהוא אדם, וכמו כן השוחד יעוור ומדמה על החושך שהוא אור. הא למדת שהכל תלוי בזַכות העינים, ומי שיש לו עינים זכים וטהורים, יכול לראות האמת והתגלות אלקית אף בהסתר בתוך הסתר". **ז]** עבודת פנים: "השומר עיניו בקדושה, זוכה להשיג דרך בעבודת השם יתברך לפי שורש נשמתו. ...ומי שמפקיר ראייתו רח"ל, אינו זוכה לשמוע דבר ה'". **ח]** מתוך שיעור נפלא על שמירת עינים מאת הרה"ג ר' מאיר יעקב מויזקאפף ז"ל, מו"ץ ומגי"ש בביהמ"ד הגדול דקיט"ל דסאטמאר ק"י.




דעם חשק צו ווילן שטייגן אין עבודת ה', וואס דאס איז די גרעסטע סכנה פאר'ן מענטש'נס רוחניות'דיגן לעבן. ראיות אסורות קענען ארומפירן א מענטש זיינע גאנצע זיבעציג יאר אויף דער וועלט מיט דמיונות און פוסטקייטן, און נאך ערגער, זיי ברענגען אים צו עבירות חמורות, און ער דערווייטערט זיך אלץ מער און מער פון עבודת ה'! - דאס אלעס איז אויסער דעם "שמוציגן פענסטער" וואס מ'האט, דער עצם עבירה פון זען ראיות אסורות.

נאכמער שטייט אין ספר **מחזה עינים** (מחזה א') אז ראיות אסורות פארבלענדן א מענטש'נס שכל אויף אזוי ווייט אז ער טראכט אויף גראדע וועגן אז זיי זענען קרום און אויף קרומע אז זיי זענען גראד, אויף מצוות אז זיי זענען עבירות און אויף עבירות אז זיי זענען מצוות, ווייל ער ווערט אזוי משוחד פון זיינע תאוות צו וואס ער ווערט אנגעבינדן דורך זיינע אויגן, אז ס'פארשטעלט אים דעם גלייכן וועג, ער טראכט נישט גראד, זיין מחשבה וועט טראכטן אלע סאטרן קרומע סברות און חשבונות כדי צו גיין אויף דער וועג וואס זיין הארץ גליסט אים, און ער וועט אפילו נישט כאפן ווי פארדרייט ער איז.

### דֶּרֶךְ אֱמוּנָה בָּחָרְתִּי:

## אמונה ובטחון

שמירת עינים ברענגט אויך אז א מענטש זאל קענען ריכטיג לעבן מיט אמונה און בטחון. ווי דער **בית אברהם** שרייבט (וזאת הברכה עה"פ אשר עשה משה), אז די תורה ענדיגט זיך מיט די ווערטער "אשר עשה משה **לעיני** כל ישראל". דאס מיינט אז משה רבינו האט דערהויבן די אויגן פון אידישע קינדער, און דורכדעם איז מען זוכה צו אמונה, וואס מיט דעם הייבט זיך אן די תורה, "בראשית ברא אלקים את השמים ואת הארץ" - צו גליבן אינעם איינציגן באשעפער מיט א ריכטיגער אמונה.

## א קליינע מטבע פארשטעלט די גאנצע וועלט

היוצא לנו מכל זה, מיר זעען פון די אלע ספה"ק און צדיקי אמת, אז שמירת עינים איז דער ערשטער טריט פון א איד אין עבודת ה'. דאס איז דער פתח צו קענען דינען דעם אויבערשטן ווי ס'דארף צו זיין און מרגיש זיין אין הארץ א נאנטקייט צום הייליגן באשעפער, האבן א חיות אין עבודת ה', שפירן די זיסקייט פון קיום התורה והמצוות, און פארמאגן דעם ריכטיגן דעת ווי אזוי צו דינען דעם רבש"ע אין אלע מצבים.

אויב אבער היט מען נישט די אויגן, איז דאס א שטארקער שטער צו שטייגן אין עבודת ה'. ס'שלעפט גאר שטארק אראפ דעם מענטש, און דאס איז גורם צו ווערן אפגעקילט פון דברים שבקדושה. די הייליגע הרגשים וואס א איד פארמאגט נאטירליך ווערן פארלאשן פון שפירן א התעוררות אין עבודת ה', און ס'נעמט אים אוועק דעם קלארן שכל וואס ער דארף האבן אויף יעדן טריט און שריט אין זיין לעבן.

ס'שטעלט זיך ארויס אז אלע יסודות פון א איד זענען געוואנדן אין זיין שמירת עינים. און אז מ'טראכט אין דעם אריין, מ'אנערקענט צו וואספארא גרויסע אוצרות מ'איז זוכה דורך שמירת עינים, גיבט דאס א געוואלד מיט חיזוק צו היטן די אויגן מיט א שטארקייט. דאס איז דאך דער וועג וואס טראגט צו אלעם וואס א איד זוכט צו דערגרייכן זיין גאנצן לעבן - צו ווערן נאנט צום באשעפער און אים דינען מיטן גאנצן הארץ און מח. להטות לבבינו אליו ללכת בכל דרכיו!

שמירת עינים איז נישט בלויז אז מען האט זיך **איינגעשפארט** פון זען א ראיה אסורה, ס'איז אסאך מער פון דעם. דאס עפנט אויף די טויערן פאר א איד און **גיבט אים** א ליכטיגן, געהויבענעם לעבן, פול מיט קירבת אלקים, נאנטקייט צום באשעפער. שמירת עינים איז א אומשאצבארע מתנה וואס מיר האבן באקומען פונעם רבש"ע, ער האט אונז געוויזן דעם וועג ווי אזוי מיר קענען זיין נאנט צום אים און אים דינען. אזוי ווי חכמינו ז"ל זאגן אונז (ירושלמי ברכות פ"א ה"א), **"אמר הקדוש ברוך הוא, אי יהבת לי לבך ועיניך אנא ידע דאת לי"** - דער אויבערשטער זאגט פאר א איד, אויב גיבסטו מיר דיין הארץ און דיינע אויגן, דאן ווייס איך אז דו ביסט מיינס. דו וועסט מיך קענען דינען און נישט ווערן פארשלעפט נאך די דרויסנדיגע נסיונות צו וואס דאס אויג פירט.

און פון די אנדערע זייט דארף מען זיך מתבונן זיין וואספארא טייערן אוצר מ'דערלייגט אויב מ'היט זיך נישט די אויגן חלילה. מ'מאכט זיך אליין קאליע מיט די אייגענע הענט, מ'פארשפילט דעם תכלית החיים, מ'פארלריט דעם גרעסטן אוצר וואס איז שייך. אז מ'היט נישט די אויגן, פארשטעלט מען זיך אליין דעם וועג וואס פירט צו אן אמת'ן גליקליכן לעבן פון עבודת ה' און קירבת ה'.

צדיקים האבן דאס צוגעגליכן צו א מענטש וואס נעמט א קליינע מטבע און שטעלט דאס פארנט פונעם אויג. ווי קליינטשיג די מטבע איז, קען ער גארנישט זען ווען ס'פארשטעלט דאס אויג. און ווי קליינטשיג דאס איז, ווען ער נעמט דאס אוועק, קען ער זען די גאנצע וועלט, דעם הימל, די זון און אלע שטערנס. קומט אויס אז א קליינע, נישטיגע מטבע האט דעם כח צו פארשטעלן גאר, גאר אסאך.

דאס זעלבע איז מיט שמירת עינים. די נישטיגע ראיה אסורה האט דעם כח צו פארדעקן פונעם מענטש מורא'דיג אסאך, גאנצע וועלטן פון תורה ועבודה, פון קירבת און דביקות בה'. בשעת דאס אויג איז פארשטעלט מיט דער מטבע, קען זיך אים דאכטן אז ס'איז גארנישט דא. אבער איינמאל ער הייבט אן היטן זיינע אויגן, ער נעמט אוועק זייער צודעק, עפענען זיך אים פלוצלינג אומצאליגע הייליגע אוצרות פון תורה ועבודה, אהבה, יראה, און דביקות ועבודת ה'. ווי דער מדרש זאגט "**פתחו לי פתח כחודו של מחט, ואני אפתח לכם פתח כפתחו של אולם**" - א איד דארף בלויז עפענען א קליין פתח ווי א נאדל לאך, און אויב טוט ער דאס זייניג, וועט אים דער רבש"ע עפענען א ברייטע טיר ווי דעם אולם פון בית המקדש! (ע"פ ליקוטי מהר"ן ח"א סי' קלג).

אזוי האט דער הייליגער **בעל שם טוב זי"ע** אמאל געזאגט: "אוי וויי! די וועלט איז פול מיט אורות און סודות נפלאים ונוראים, נאר א קליינע האנט שטייט פארנט פון די אויגן און דאס פארשטעלט פון זען די אלע גרויסע אורות!" (ליקוטי מהר"ן שם).

**ואני קירבת אלקים לי טוב!**




## מכתבים למערכת:

המשך פון זייט 6

יעדעס מאל ער קומט נאנט צו א קאר, באפאלט אים א פחד, די שוידערליכע בילדער פונעם עקסידענט פארפלייצן אים, און ער איז ממש נישט ביי זיך. דא איז שוין די פראבלעם פילפאכיג ערגער, וויבאלד ער באגעגנט זיך כסדר מיט קארס און ער קען נישט אנגיין מיט זיין סדר היום. קומט אויס אז באמת זענען ביידע מענטשן נפגע געווארן די זעלבע, דער חילוק איז נאר צי ס'עפעקטירט דער טעגליכן הלוך ילך אדער נישט.

דאס איז די כוונה פון די ווערטער פון די הייליגע צדיקים. קוקן ראיות אסורות ווערט איינגעקריצט אינעם מענטש און דער מענטש ווערט ערנסט נפגע דערפון. אבער דאס קלאפט נישט אויס ביים זעלבן פרישטאג אדער אנדערע גשמיות'דיגע זאכן, נאר דוקא ביים לערנען און דאווענען, די בילדער שווימען ארויף ווען מ'איז עוסק אין עבודת ה'. און ממילא ווענדט זיך וויפיל דער מענטש דרייט זיך אין אזעלכע מקומות, אויב פאלט ער אריין דארט גאר זעלטן, ווערט ער אפשר טאקע נישט שפירן אזוי שטארק דעם שאדן פון א ראיה, אבער איינער וואס איז דארט אפט, ביי אים קלאפט דאס אויס שטארק.

*

בדרך אגב, וויל איך ארויסברענגען מיין התפעלות אויף דעם גליון, אז מ'דערקענט אז ס'ווערן אריינגעלייגט שטארקע כוחות אז אלעס זאל ווערן געשריבן פון מיין זייט מיט א שטארקער אידלקייט אז ס'זאל זיין געאייגנט פאר יונג און אלט און נישט ברענגען פראבלעמען, און פון דער אנדערער זייט איז עס געשריבן זייער אפן פאר יעדן מצב, אז יעדער סארט מענטש זאל זיך קענען טרעפן דערין און ארויסנעמען חיזוק.

(-)

## בשורה משמחת

אפשר להשיג ספרי

**בקודש חזיתיך * שמירת עיני**

ליקוטים נפלאים על שמירת עינים - לשה"ק

**ג' כרכים - בפורמט קטן**

מנהלים און מחנכים קענען רופן פאר א גוטע פרייז

**718-871-6718 / 917-635-3233**

## מי כעמך ישראל

# דיינע אויגן קומען פריער ווי די לוי' פון א גדול בישראל

איבערגעגעבן דורך

הרה"ג ר' **בערל טויבער** שליט"א

ר"מ בישיבת אור תורה - מאנסי

לכבוד מערכת החשובה טהור עינים. ס'איז ממש פלאי פלאים דער גליון וואס טהור עינים גיבט ארויס, דאס גיבט א מורא'דיגן חיזוק אין שמירת עינים אויף א קלארן און געשמאקן מהלך. וויפיל מ'ליינט דערין, טרעפט מען אלץ געוואלדיגע זאכן. ס'גיבט אריין א חיות אין זאכן וואס אפילו זיי זענען פשוט, ווערן זיי פרישער, קלארער, און געשמאקער צו גיין אין דעם מיט א שטארקייט.

איך קען פערזענליך אסאך בחורים און יונגעלייט וועלכע ליינען דעם גליון, און נעמען דערפון הויפטס חיזוק און שטארקייט. דער ענין איז אזוי וויכטיג, און ליידער קוקן עס מענטשן אן ווי א מילתא דחסידי, אנשטאט פארשטיין אז דאס איז ממש א דאורייתא. אין א געוויסן זין האבן די היינטיגע שרעקליכע נסיונות פון טעכנאלאגיע וואס מען רעדט אזויפיל דערפון געשטעלט אין א זייט אז ס'איז דא שמירת עינים - פשוט שמירת עינים, אן טעכנעלאגיע, אזוי ווי מ'האט אייביג געארבעט אויף דעם.

איך וויל דא איבערגעבן א סיפור וואס איך האב געהאט אלס בחור און איז מיר געבליבן גאר טיף אין די ביינער. ווי איך האב געלערנט פון מיין טאטן, **אבי מורי הרה"ג רבי עזריאל ב"ר אהרן הלוי ז"ל**, ווי שטארק מ'דארף אכטונג געבן אויף שמירת עינים.

ווען איך בין געווען א בחור, האב איך געלערנט אין ישיבה אין מאנסי אינאיינעם מיט מיין ברודער הרה"ג ר' מרדכי נתן שליט"א. אין תענית אסתר שנת תשמ"ו איז אוועק **הגאון ר' משה פיינשטיין זצ"ל**, און די לוויה איז פארגעקומען אינעם איסט סייד אין מאנהעטן.

פארשטייט זיך ס'איז געווען גאר א גרויסע לוויה מיט דער באטייליגונג פון טויזנטער אידן, קינד און קייט זענען געפארן אפגעבן דעם לעצטן כבוד, און ס'איז געווען נאטירליך אז מיר ווילן אויך דארט זיין. האבן מיר אנגערופן מיין טאטן ז"ל, און אים געפרעגט צי מיר זאלן פארן קיין מאנהעטן מיט'ן באס אדער מיט זיין קאר.

די תשובה פון מיין טאטן איז געווען גענצליך אומערווארטעט: "עטץ גייט נישט צו דער לוויה!" זיינע ווערטער האבן אונז געכאפט אין איבערראשונג; יעדער איינער פארט, וועלן מיר זיין די איינציגע וואס בלייבן דא? אבער אז מיין טאטע זאגט אזוי, איז אזוי. מיר האבן נישט געפרעגט קיין קשיות און ביי דעם איז עס געבליבן. איך געדענק ווי איך בין שפעטער געגאנגען זוכן א מנין מנחה אין מאנסי, האב איך געדארפט ארומגיין צו עטליכע בתי מדרשים זוכן וואו ס'וועט זיך צאמקראצן א מנין.

ביינאכט ווען מיר האבן געטראפן מיין טאטן, האבן מיר אים געפרעגט וואס איז טאקע פשט אז ער האט נישט געוואלט מיר זאלן פארן צו דער לוויה. האט ער אונז געענטפערט מיט מורא'דיגע ווערטער וואס איך קען נישט פארגעסן:

**"היות די לוויה איז געווען אין מאנהעטן, האב איך געוואלט עטץ זאלטס געדענקען א גאנץ לעבן אז איידער עטץ פארטס אריין אין מאהעטן, זאלט עטץ טראכטן צי ס'איז וויכטיגער פון ר' משה פיינשטיין'ס לוויה. אויב איז עס נישט וויכטיגער ווי דעם, גייט מען נישט!"**

יישר כח נאכאמאל, ס'איז א געוואלדיג, געוואלדיג זאך. דער זכות פון אזא גרויסן זיכוי הרבים זאל ביישטיין פאר די וואס פארשפרייטן עס. כל המזכה את הרבים אין חטא בא על ידו.

דער אויבערשטער זאל העלפן ס'זאל טאקע זיין **"אין חטא בא על ידו"** - דורך דעם גליון וואס איז מזכה דעם רבים, זאל ארויסקומען אז ס'זאל זיין "אין חטא", דער חטא זאל ווערן אינגאנצן אויסגעריסן.

## למען תספר:

המשך פון זייט 2

דער איניקל האט געטראכט צו זיך אז מסתמא מישט דער רבי וואו ס'לאזט זיך, ווילנדיג ס'זאל אויסקוקן אז ער זאגט פונעם סידור, וויבאלד ער פלעגט אלעמאל מקפיד זיין מ'זאל אלעס זאגן אינעווייניג. ווי ערשטוינט איז ער געווארן נאכדעם וואס זיין זיידע האט געענדיגט און ער איז צוגעגאנגען מיט'ן סידור צום ווינקל וואו דאס ליכט האט זיך געפונען, זעענדיג אז ס'איז אויפגעמישט ביים סוף פון קריאת שמע.

נישט קענענדיג גליבן וואס ער זעט, האט ער זיך געוואנדן צו זיין זיידן, פרעגנדיג מיט וואונדער ווי אזוי דאס איז מעגליך. אפילו ער האט נישט געקענט אויפמישן אין דער טונקל, ווי אזוי האט ער דאס באוויזן מיט זיין שוואכער ראיה?

האט אים דער ביאלער רבי אנגעכאפט די האנט, זאגנדיג: "אז מ'היט אויף די אויגן אלע יארן, לייכטן די דברים שבקדושה!"

**קדושת עינים** ע' תתקסט, מפי נכדו **הרה"ג ר' די"צ רבינוביץ שליט"א**, בעמח"ס עיוני הלכות

# געזען פונקען פייער

**הרה"ק רבי בן-ציון באבובער זצ"ל** הי"ד האט פארציילט, אז ס'איז אמאל געקומען א געוויסער צדיק צום הייליגן **ייטב לב זצ"ל**. יענער צדיק איז געווען ל"ע א סגי נהור, אבער זייענדיג אנוועזנד בשעת דער ייטב לב האט געלייגט תפילין, האט ער געזאגט אז ער זעט ווי ס'קומען ארויס פונקען פייער פון צווישן די רצועות. כאטש ער האט טאקע נישט געקענט זען, אבער ווען ס'איז געקומען צו רוחניות'דיגע זאכן האט ער געקענט זען, וויבאלד ער האט געהאט אפגעהיטענע אויגן.

**גדולת יהושע** ח"ב ענינים שונים אות מז, מפי **הגה"צ ר' מרדכי לייב פריינד זצ"ל**, אב"ד ראגנא.

# דערקענט אויף א כלי צי ס'איז שוין גע'טובל'ט

**הגה"צ ר' זונדל סאלאנט זצ"ל**, גאר א געהויבענער איד מנקיי הדעת שבירושלים מיט עטליכע דורות צוריק, איז באקאנט געווען מיט זיין גרויסער קדושה. ר' זונדל האט געקענט שפירן אויף א כלי צי ס'איז גע'טובל'ט אדער נישט. ווען מ'האט אים אמאל געפרעגט ווי אזוי ער האט זוכה געווען צו דער מדריגה, האט ער געזאגט אז דאס איז אלעס נאר דורך זיין שמירת עינים, איינער וואס גיבט אכטונג אויף זיינע אויגן, קען דאס דערקענען דורכ'ן זען דעם שם הוי"ה בנקודתו אויף דער כלי.

**ר' זונדל מסלאנט** תולדות וכתבים עמ' מא

# מכתבים למערכת:

לערנבארע מעשיות און איינגע ערפארונג איבערגעגעבן דורך די חשוב'ע ליינער פונעם גליון

## א סידי אין קאר

בשעת'ן דרייוון א קאר איז, ווי באקאנט, שווער מיט שמירת עינים - מ'קען דאך נישט פארמאכן די אויגן אינגאנצן. א גוטע עצה איז אנצוצינדן א סידי מיט ווארעמע ניגונים. דאס האלט פארנומען דעם מח און העלפט אסאך ארויס. איך וואלט געוואלט הערן פון אנדערע עפעס עצות וויאזוי מ'קען מער היטן די אויגן ביים דרייוון. ישר כח. (-)

## דער "טראומא" פון א ראיה אסורה

אין די סעריע "ולא תתורו ואחרי עיניכם" (גליוני שובבי"ם תש"פ), האט איר גאר שיין אויסגעשמועסט דעם טעות וואס געוויסע האבן אז זיי וועט נישט שאטן ראיות אסורות, ברענגענדיג פון פריערדיגע צדיקים און ספרים הק' איבער דעם ענין.

איך וויל מוסיף זיין א נקודה צו פארשטיין בעסער זייערע ווערטער, בפרט די טיפע ווערטער פונעם **רש"ב מליובאוויטש זצ"ל**, וואס ער שרייבט אז אפילו א "קאלטע ראיה", אן קיין התפעלות, מאכט פונדעסטוועגן א שטארקן רושם טיף אינעם נפש פון א מענטש און ס'וועט שפעטער ארויסקומען. ס'איז אויך באקאנט פון **רביה"ק מסאטמאר זי"ע** וועלכער האט אמאל געזאגט, אז צומאל קען א מענטש ליידן פון א ראיה אסורה זיבעציג יאר!

וכאן הבן שואל, פארוואס מאכט מען אזא מצב פון איין ראיה? איך זע נישט אז ס'זאל מיר עפעס געשען, די ראיות קומען און גייען און זיי מאכן נישט אויף מיר קיין שום רושם, אלעס גייט אן ווי געהעריג.

די רעדע איז נישט פון אן ערליכן איד וועלכער גיבט זיך אכטונג און אמאל מאכט זיך אז ער זעט עפעס בטעות, און ער שפירט נישט אז ס'זאל אים צורודערן. דאס איז באמת נישט קיין פראבלעם, אדרבה, ס'קען זיין א גוטער סימן אז זיין מח איז פארנומען מיט גוטע זאכן און זיין מחשבה ווערט נישט פארשלעפט דורך יעדן אומווילנדן ראיה. מיר רעדן פון אזא איינעם וואס האט לײדער נישט די ריכטיגע שמירה אויף זיינע אויגן, ער נעמט פאר לייכט צו כאפן א בליק אויף זאכן וואס מ'טאר נישט, צי אויף זיין כלי צי אויף די גאסן, און ער טענה'ט אז ס'מאכט אים גארנישט אויס.

כדי דאס צו ערקלערן, קענען מיר נעמען א משל פון תורת הנפש, אן ענין וואס איז, ליידער, שכיח היינט ווען אסאך מוטשען זיך מיט דעם סארט פראבלעמען.

יעדער האט שוין געהערט אמאל פון אזא זאך א "טראומא". דאס קען זיך מאכן ווען עמיצער האלט מיט א געוויסע שרעקליכע סצענע און ס'ווערט איינגעקריצט אין אים א פחד פון דער זאך, און יעדעס מאל וואס ער טרעפט זיך נאכאמאל מיט דער זאך, ערוועקט זיך אין אים זיין פחד נישט געבנדיג אים קיין מנוחה. אזא מענטש דארף גיין צו גייסטיגע הילף און אינוועסטירן אסאך מי און פלאג זיך ארויסצודערזען פון זיין מצב.

ס'איז אבער פארהאן א חילוק אויף וואס דער טראומא קלאפט אויס. לאמיר זאגן צב"ש אז איינער האלט מיט א שווערע עקסידענט רח"ל נעבן א געוויסן פלאץ, לאמיר זאגן נעבן א פארק אין אן אנדערער שטאט, און דער מענטש באקומט א טראומא פון יענעם פלאץ. ביי אזא מענטש איז דער מצב נישט אזוי געפערליך, ווייל ס'קומט אים נישט אויס אזוי אפט זיך צו דרייען אויף יענעם ארט, און ווילאנג ער געפינט זיך נישט דארט, קען זיין לעבן ווייטער אנגיין אומגעשטערט.

וואס וועט אבער זיין אויב דער טראומא קלאפט נישט אויס אויף יענעם פלאץ, נאר אויף א קאר, מיט וואס דער עקסידענט האט זיך אפגעשפילט.

המשך אויף זייט 5

הוצאות
טהור עינים
Cong. Tahor Eineyim | 802.327.3592
1 Karlsburg Rd #203 Monroe NY 10950
פאר נדבות, הערות, רופט:
802.327.3592
*נשמח לשמוע הערות
צו מפרסם זיין א מעשה רופט:
845.206.9879
אדער שיקט אויף פאסט צום מערכת

פארט איר אין קאנטרי?
זייט מזכה אייערע שכנים וידידים מיט די רייכע גליונות אויף שמירת עינים
רופט אריין צום מערכת און מיר וועלן אייך אפשיקן א בינטל גליונות

בקשה נחוצה
מיר זוכן גאר וויכטיג
קלענערע פאנדרעזער'ס
פאר'ן יעצטיגן "חדשי העינים קאמפיין"
פאר פרטים ביטע רופט אריין צום מערכת

על הטוב יזכר
זכות 3,000 גליונות
נתנדב לע"נ הרה"קרבי **ישעי' ב"ר משה מקערעסטיר** זי"ע - ולע"נ הרה"קרבי **חיים זאנוויל ב"ר משה מריבניץ** זי"ע
זכות 3,000 גליונות
לעיר מאנטריאל - נתנדב ע"י
מוה"ר **קלמן אליעזר לעווי** הי"ו
לברכה והצלחה בכל ענינים
זכות 2,500 גליונות
נתנדב לע"נ **הרה"ק רבי לוי יצחק בן שרה סאשא מבארדיטשוב** זי"ע
ואלו שקנו
זכות 1,000 גליונות:
הרה"ח **חיים בצלאל בלום** הי"ו
לברכה והצלחה בכל ענינים
מוה"ר **מנחם נחום האפמאן** הי"ו
לברכה והצלחה בכל ענינים
מוה"ר **חיים מרדכי טאבאק** הי"ו
לרגל נשואי בתו למז"ט
מוה"ר **אהרן משה פריעד** הי"ו
לברכה והצלחה בכל ענינים
מוה"ר **הרוצה בעילום שמו** הי"ו
לנחת מכל יוצאי חלציו
הר"ר **הרוצה בעילום שמו** הי"ו
לע"נ ר' ישראל ב"ר שמעון ז"ל - ז' ניסן תש"פ
הבה"ח **יושע גרינבערגער** הי"ו
לברכה והצלחה בכל ענינים

ווערט א שותף!
אינעם מאסיוון
זיכוי הרבים
זכות הוצאת הגליון:
$1,200
זכות הפצת הגליון:
$500 זכות 5,000 גליונות
$400 זכות 4,000 גליונות
$300 זכות 3,000 גליונות
$200 זכות 2,000 גליונות
$100 זכות 1,000 גליונות
רופט דעם 24 שעה "נדבה ליין"
845.218.7763
אדער רופט אריין צו דער מערכת: 802.327.3592
הערליכע מתנה!


פאר אייער נתינה פון $200 און העכער!
חדשי העינים קאמפיין